בס"ד




**"רוח החיים" קור-ארט, בגלילות קרית יואל יצ"ו**

געזונטהייט און דערפרישונג פראיעקטן על טהרת הקודש
פאר יונג און אלט, טאטעס, מאמעס און קינדער

# פארווארט

ניסן תשע"ב

**ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!**

מיר שטייען יעצט אין א גוטע שעה ביי א פריידיגע געלעגנהייט, אז עס ווערט בשעטומ"צ אדרעסירט די געברויכן פונעם היימישן ערליכן ציבור בכלל און תושבי קרית יואל יצ"ו בפרט, וואס מען ווארט שוין דערויף לאנגע יארן, און עס האט זיך שווער געקענט פארשטעלן אז עס וועט אמאל צושטאנד קומען אויף אזא פאזיטיוון און ערנסטן אופן!

עס האנדלט זיך פון א מעכטיגן קאמפלעקס וואס וועט בעז"ה אנטהאלטן א נעץ פון וויכטיגע סערוויסעס פאר'ן געברויך פונעם היימישן ציבור, הקטנים עם הגדולים, צ.ב.ש. א גרויסע שפיל-פארק פאר די קינדער, א לופטיגע שפאציר וועג פאר די ערוואקסענע, 'צום געזונט' עקסערסייז געביידע, א רואיג ווינקל וואו טאטעס וועלן קענען לערנען מיט קינדער אונטער די לופט במנוחת הנפש, א שפיל-הויז, א פרייע פעלד, א.א.וו.

טייל פון די פראיעקטן זענען שוין בנמצא אין אנדערע אידישע געגנטער אין ניו יארק, אנדערע חלקים דערפון זענען מער צוגעשטעלט אין די קעטסקיל בערג וואו מען פארברענגט אין די זומער חדשים, אבער הצד השוה שבהם אז אין די גאנצע קרית יואל אומגעגענט איז דערווייל קיין איינס פון זיי נישט פארהאן, און דער געברויך און פארלאנג דערויף איז שטארק מערקבאר, און ביי טייל איינוואוינער גרעניצט זיך דאס מיט לעבנסוויכטיג.

דעריבער, איז עס א גרויסע דערגרייכונג בחסדי ה', צו קענען פארשטעלן דער שפאגל נייער "רוח החיים" קור-ארט, וואו עס וועט צוזאמגעברענגט ווערן לפונדק אחד די אלע וויכטיגע געברויכן, צוגעשטעלט העכסט פראפעסיאנאל און באקוועם פאר'ן היימישן ציבור, און גלייכצייטיג "על טהרת הקודש", אויף א אידישליך אויסגעהאלטענע וועג!

## נוסח קרית יואל

קרית יואל איז א הייליגע שטאט, וואס איז נתייסד געווארן דורך רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל זיע"א מיט א הייליגן ציל, צו לעבן אין א אפגעזונדערטע הייליגע אטמאספערע, ווייט אוועק פון גוי'אישע שכנים און איבלן. אזוי האט אונז אויך כסדר געלערנט און מחזק געווען רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע, און עס ווערט ווייטער נמשך דורך יבלחט"א כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

אט די רוחניות'דיגע מעלה דערפון, דאס איז די סאמע וויכטיגסטע און ערשטע פרינציפ דערפון, און ערשט דערנאך קומען אלע פילצאליגע גשמיות'דיגע בענעפיטן דערפון.

געווי דאס זעלבע איז מיט דעם נייעם "רוח החיים" קור-ארט. די רוחניות'דיגע אויסגעהאלטנקייט און אפגעהיטנקייט דערפון, דאס איז פריער און ערשט! הערשט נאכדעם וואס מען פארזיכערט די ערליכקייט דערפון, דאן נעמט מען זיך צו די גשמיות'דיגע פלאנירונגען אז עס זאל זיין צוגעשטעלט על צד היותר טוב, באקוועם און געזונט!

## שומרים הפקד

יארן לאנג זענען שוין מערערע פלענער איבער אזעלכע פראיעקטן געליגן אויפן טיש, אבער נאך איידער מען איז אפילו צוגעגאנגען דערצו עס באטראכטן, איז קודם אריינגעקומען דער 'אידישקייט' און 'צניעות' אין בילד, מערערע פלענער זענען געווארן אויס צוליב דעם וואס עס איז נישט גענוג נאכגעקומען די רוחניות'דיגע און היימישע סטאנדארטן, און די הנהלת הקריה האט געזען אז די לאנגיאריגע עסקנים וואס זענען עוסק אין דעם פעלד זענען נישט געווען צופרידן.

אצינד האלט מען ב"ה דארט, אז נישט נאר וואס דאס יעצטיגע פלאץ איז געווארן אויסגעארבעט צו זיין געאייגנט לויט דעם סטאנדארט פון קרית יואל, נאר אדרבה, עס איז געווארן א מעגליכקייט צו קענען אהערשטעלן נאך פארשידענע וויכטיגע געברויכן און סערוויסעס אויף א פיל העכערע רוחניות'דיגע ניווא, און די עסקנים שטיפן גאר דערצו אז אזא נאבעלע פראיעקט זאל צושטאנד קומען, וואס וועט ערמעגליכן דאס לאנג ערווארטעטע, אויף א העכסט אויסגעהאלטענעם שטייגער בעז"ה.

פאר די זעלבע סיבה, האט קרית יואל צוריקגעוויזן ריזיגע סכומים געלטער פון די רעגירונג פאר דעם פראיעקט, וויסנדיג אז ווי נאר עס ווערט סיי וואס געדעקט פון זייער קאסע, האבן זיי שוין רעגולאציעס און פארלאנגען, וואס קענען זיין א שטער צום אויסגעהאלטנקייט פונעם ארט. אזוי ארום ווערט אלעס געדעקט בלויז פון קרית יואל זעלבסט, געאייגנט בלויז פאר קרית יואל'ער איינוואוינער, ולא יערב זר בנחלתינו.

אויך האט מען געהאט פאר די אויגן, נישט צו מאכן דעם פראיעקט אין קרית יואל גופא, כדי די קינדער זאלן נישט קענען אליין קומען און גיין, אן קיין אויפזוכט פון ערוואקסענע.

גלייכצייטיג וועט דאס גאנצע ארט ווערן פארשפארט אין די טינקעלע נאכט שטונדן, און זיין באגלייט מיט א שטענדיגע שמירה מעולה און מ'וועט האלטן אן אויג במשך אלע שעות, ווי דער טור (או"ח סי' תקכ"ט) ברענגט אן ענליכן ענין בשם דעם רמב"ם ז"ל: "חייבין בית דין להעמיד שוטרים ברגלים שיהו שוטטים ומחפשים בגנות ופרדסים ועל ההרות שלא יתקבצו שם לאכול ולשתות אנשים ונשים ויבואו לידי עבירה".

**אין די קומענדיגע שורות וועלן מיר אייך אראפגעבן עטליכע קורצע איינצלהייטן און אייגנארטיגע מעלות פון דעם גרויסן ברייטפארצווייגטן פראיעקט וואס וועט ווערן אהערגעשטעלט.**

**לייענט מיט אינטערעסע און באקענט אייך מיט דער נישט ווייטער צוקונפט בעז"ה.**

## א פרישע רעאליטעט

אצינד שטייען מיר ב"ה ביי א פרישע רעאליטעט דא אין קרית יואל, וואס ברענגט אריין א "רוח החיים" אין אלע איינוואוינער, האבנדיג בשכינות אזא הערליך צוגעשטעלט פלאץ, א נעץ פון געזונטהייט געברויכן פאר יונג און אלט, וואו מען וועט קענען ארויסנעמען די קינדער אין א הייליג ווינקל, שפאצירן אין א אפגעהיטענע סביבה, מאכן עקסערסייז מיט די גרעסטע מאס צניעות, אדער זיך אראפזעצן לערנען מיט די קינדער במנוחת הנפש, אלעס: "על טהרת הקודש - נוסח קרית יואל"!

אשרינו, מה טוב חלקינו! אז מיר האבן ב"ה די זכי' צו קענען אהערשטעלן פאר תושבי קרית יואל - און די ארומיגע אידישע געגנטער - אזא געוואלדיגע אונטערנעמונג! אן ארט זיך אויסצולופטערן און צום געזונט, אויסגעהאלטן און אפגעטיילט, ווי דאס שפריכ-ווארט לויטעט: "צו גא-ט און צו לייט"...

# כי עתה הרחיב ה' לנו

## רבים אומרים מי יראנו טוב...

קרית יואל איז ב"ה היינט געבענטשט מיט אלע סערוויסעס ברוחניות ובגשמיות, וואס זענען נויטיג פאר אירע איינוואוינער. כמעט אלעס וואס ס'פאדערט זיך נאר, איז צוגעשטעלט דא אויפ'ן פלאץ, אז מ'זאל נישט דארפן ארויספארן פון די הייליגע אפגעזונדערטע סביבה.

וואס ס'איז נאך נישט געווען ביז יעצט אין קרית יואל, און ס'איז שוין לאנג דרינגענד פאר'ן דינסט פון אזא גרויסע קינדער-געבענטשטע שטאט בלי"ה, איז א צענטראלע אויסגעהאלטענע פארק, וואו די קינדער זאלן זיך קענען שפילן אין די פרייע צייטן אונטער אן אחריות'דיגן אויפזיכט, און די בני בית זאלן זיך קענען קומען אנשעפן מיט אביסל פרישע לופט און פרישע כוחות.

**וויפיל מאל הערט מען ווי מאמעס רעדן זיך אפ, אוי, א שאד אז אין קרית יואל איז נישטא קיין "פארק", אזוי ווי אין פארשידענע אנדערע היימישע ערטער, וואו היימישע אידישע קינדערלעך זאלן זיך קענען שפילן אונטער אן אחריות'דיגן אויפזיכט אויף א ברייטן פארנעם, און מ'זאל נישט דארפן ציטערן אז די קליינע וועלן חלילה ארויסגיין אויף מסוכנ'דיגע ערטער, און בפרט די וואס וואוינען אויף פלעצער וואו די גאסן זענען מער פארנומען.**

אויב זענען יא געווען עלטערן וואס האבן ארויסגעשיקט אדער געגאנגען מיט די קינדער אביסל זיך אויסלופטערן אדער פארברענגען, איז דאס געווען אין פארשידענע ארומיגע פארקס און פלעצער, וואו עס געפינען זיך אויך כסדר פרעמדע שכנים און אומאויסגעהאלטענע עלעמענטן, וואס דאס איז א געוואלדיגע סכנה ברוחניות פאר אונזערע טייערע קינדערלעך שיחיו.

און ערליכע עלטערן פרעגן כסדר, ווען וועט מען שוין צושטעלן א "פארק אויפ'ן קרית יואל'ן סטאנדארט" פאר אונזערע קינדער, וואו מיר זאלן זיי קענען לאזן רואיג פארברענגען, אן די איבלן פון די גאס?

## בקשנו ולא מצאנו...

שוין יארן לאנג וואס עס ווערן זיך פלענער בנוגע א קינדער פארק. במשך די 35 יאר וואס קרית יואל עקזיסטירט, איז קיין 'פארק' דערווייל נאך נישט פארהאן, די איינוואוינער ווארטן דערויף בכליון עינים, אבער עס איז ביז היינט נישט צושטאנד געקומען.

די הנהלת הקריה האט געארבעט אימערמידליך מיט פארשידענע שתדלנות'ן דערויף, עטליכע פלעצער זענען שוין געווען באשטימט דערפאר, נאר עס זענען שטענדיג אויפגעקומען עיכובים און שטרויכלונגען פון אלע זייטן, ברוחניות ובגשמיות, וואס האט צוריקגעהאלטן אזא וויכטיגע זאך!

מיט עטליכע יאר צוריק, האט שוין די ווילידזש געהאט געמאלדן איבער א פלאן אויפצושטעלן א פארק אויף סעווען ספרינגס קארנער מאונטען ראוד. דאס האט זיך אבער אפגעשטעלט, נאכדעם וואס די קאונטי האט געמאלדן אז זיי וועלן אויפשטעלן א ריזיגן פארק אויף די "גאנזאגא פראפערטי" פונקט קעגנאיבער דעם געפלאנטן "קרית יואל פארק"... דאס האט גורם געווען, אז די פלענער פאר דעם 'קרית יואל פארק' זאלן זיך גענצליך אפשטעלן, ווייל עס קען נישט קומען אין באטראכט אז קרית יואל זאל פארמאגן א פארק זייט ביי זייט מיט א פארק וואס ברענגט אהער די גאנצע גוי'אישקייט און אויסגעלאסנקייט, פון וואס מיר זוכן דאך צו אנטלויפן.

במשך די נאכפאלגענדע יארן האט די ווילידזש ווייטער באטראכט פארשידענע פלענער אויף אנדערע ערטער, צו באשטימען א פלאץ מיט אלע מעלות וואס זאל זיין געאייגנט פאר תושבי קרית יואל.

אין די זעלבע צייט האט זיך ארויסגעשטעלט א שטארקע פארלאנג פאר אנדערע געזונטהייט פראיעקטן, אין וואס קרית יואל מאנגלט.

**עס איז קיין סוד, ווי שטארק וויכטיג עס איז פאר'ן געזונט, און אלע דאקטוירים פאדערן דאס אויף כסדר, צו "גיין" אדער "שפאצירן" יעדן טאג. דאס איז געזאגט געווארן פאר סיי יונגע סיי עלטער, און איז ממש דרינגענד וויכטיג פאר'ן געזונט און אריכות ימים ושנים פונעם מענטש.**

וויבאלד אין קרית יואל איז אבער אזא אייגנארטיגע שפאציר-וועג נישט פארהאנען, האבן א גרויסע טייל איינוואוינער אומווילנדיג איגנארירט די וויכטיגע אויפפאדערונג, אנדערע האבן עס יא אויסגעפאלגט, אבער בלית ברירה געמוזט זיך באנוצן מיט שכינות'דיגע ערטער, וואס איז פיל מאל פארבינדן מיט פריצות און אנדערע איבלן.

**דאס זעלבע איז בנוגע מאכן "עקסערסייז". די דאקטוירים ווארענען און שרייען אז עס איז א "מוז" פאר יעדן מענטש, ובפרט ערוואקסענע, צו מאכן רעגלמעסיג עקסערסייז און איבונגען.** היינט צו טאג געפינט זיך נישט אין קרית יואל אזא סארט געאייגנטע פלאץ פאר'ן ברייטן ציבור, און רוב איינוואוינער האלטן זיך גענצליך צוריק דערפון, מאנכע טוען דאס אויף פריוואטע אופנים, אדער זענען גאר געצוואונגען צו גיין אין דרויסנדע פלעצער וואס איז ווייט פון אויסגעהאלטן.

עס איז שוין די העכסטע צייט, צו אדרעסירן די אלע פארלאנגען...

## יגעתי ומצאתי תאמין...

ענדליך, אצינד קומט די פרייליכע ידיעה, אז דער נייער "רוח החיים קור-ארט", וואס נעמט אריין א הערליכע אויסגעהאלטענע קינדער פארק און נאך פארשידענע וויכטיגע געברויכן און פראיעקטן, ווערט שוין ב"ה אויפגעשטעלט לשמחת לבם פון די חשוב'ע איינוואוינער שיחיו און פונעם יהדות החרדית אין ניו יארק.

אין די ערשטע פאזע ווערט יעצט אהערגעשטעלט די "קינדער פארק", און במשך די נאכפאלגענדע צייט וועט בעז"ה ביסלעכווייז אויפגעשטעלט ווערן די אנדערע אפטיילונגען פון דעם קור ארט.

## כמה מעלות טובות - אין קורצן:

- א קור-ארט וואו איר וועט זיך קענען אויסרוען און קומען צו די כוחות בעז"ה, דורך פארשידענע אופנים.
- עלטערן וועלן קענען זיצן און לערנען אדער זיך אפרוען, און קינדער קענען זיך שפילן דערנעבן.
- אלעס צוגעשטעלט על טהרת הקודש, ספעציעל פאר קרית יואל'ער איינוואוינער, צו קענען שפאצירן און פארברענגען בעז"ה אויף א אידישן וועג, צו האבן דעם "דרכא אחרינא" און מער נישט דארפן גיין מיט די קינדער אין שכינות'דיגע פארקס און אנדערע אומאויסגעהאלטענע שפאציר ערטער, וואו מ'קען זיך ח"ו אנזען מיט פריצות און אויסגעלאסענע זאכן.
- דאס פלאץ ווערט אהערגעשטעלט מיט אייגענע פאנדן פון קרית יואל, און מ'נעמט נישט קיין דאלאר פון די רעגירונג, כדי עס זאל נישט זיין קיין "פובליק פארק" וואס פאלט אונטער פארשידענע סעקולערע רעגולאציעס פון די רעגירונג.
- דאס פלאץ איז ספעציעל אינדרויסן פון קרית יואל, כדי די קינדער זאלן נישט קענען גיין אליין אן השגחה, נאר מיט די עלטערן.
- דער גאנצער שטח וועט זיין אונטער א שטרענגע און שטענדיגע שמירה בעז"ה, ברוחניות ובגשמיות.

**אצינד קומט אויף א שפאציר אינערהאלב דעם נייעם "רוח החיים קור-ארט"**



די הערליכע פאנאראמע פונעם
״רוח החיים״ קור-ארט
אין אלע אירע געפלאנטע אפטיילונגען
אריינגאנג
לארקין דר.
לארקין דר.
1 חיי"ם כולכם
קינדער פארק אפטיילונג
2 עץ חיי"ם
"אבות ובנים" אפטיילונג
3 חיי"ם ארוכים
שפאציר אפטיילונג
4 מקור חיי"ם
געשעפטן אפטיילונג
5 שנות חיי"ם
"צום געזונט" אפטיילונג
6 מים חיי"ם
אינדאר סווימינג פול
7 מחנה חיי"ם
"זומער קלאסן" אפטיילונג
8 שדה חיי"ם
פרייע פעלד
9 בת מלך פנימה
שפיל הויז
Maviz
ARCHITECTURAL SERVICES
718.305.5990 • www.maviz.com



## חיי"ם כולכם

# קינדער פארק אפטיילונג

**א פארק וואו די קינדער קענען שפילן און פארברענגען על טהרת הקודש, אונטער'ן השגחה פון די עלטערן און מיט די העכסטע שמירה**

- שיינע פלאץ פאר די קינדער, צו קענען שפילן, גליטשן, קריכן, שפרינגען, און נאך.
- גרויסע פרייע פעלד.
- בענק פאר עלטערן צו האלטן השגחה אויף די קינדער.
- באזונדערע פלאץ פאר גרעסערע יונגלעך.
- באזונדערע פלאץ פאר גרעסערע מיידלעך.
- א וואק-וועי מיט ביימער וועט אפטיילן צווישן די יונגלעך און די מיידלעך.
- ספעציעלע אפטיילונג פאר גאר קליינע קינדער (Toddlers).
- שפיל-הויז פאר מיידלעך זיך צו קענען שפילן בצניעות, כל כבודה בת מלך פנימה (אזוי אויך פאר יונגלעך ווען די זומער חדר איז דארט).
- צוים ארום דעם גאנצן פארק אפטיילונג.
- סעקיוריטי בודקע און השגחה מעולה.
- ספעציעלע קאנטראלירטע שעה'ן, לויט'ן געברויך.



### עץ חיי"ם

# "אבות ובנים" אפטיילונג

**א הערליכע פלאץ פאר טאטעס מיט קינדער אדער חברותות, צו לערנען מיט א רואיגקייט און מנוחה, אונטער די לופטיגע אטמאספערע**

- באזונדערע געשמאקע ווינקל, גענצליך אפגעטיילט פון די אנדערע חלקים פונעם פארק.
- אפענע שטיבלעך נעבן דעם לעיק, מיט שענק פון ספרים, צו זיצן און לערנען מיט מנוחת הנפש והרחבת הדעת, און הנאה האבן פון די נפלאות הבורא.
- באזונדערע טישן און בענק, אונטער די געשמאקע שאטן פון ביימער.
- קען אויך זיין געאייגנט פאר א כולל בעלי בתים, זקנים וכדומה.
- די אפטיילונג איז אויסדרוקליך נאר פאר מענער.



חיי"ם ארוכים

# שפאציר אפטיילונג

## ברייטע און באקוועמע וועגן צו שפאצירן ארום די לעיקס, הערליך באלויכטן און שיין באצירט

- די שפאציר-וועגן וועלן זיין 15 פיס ברייט, פאר די רוחניות'דיגע באקוועמליכקייט.
- די וועגן וועלן זיין הערליך באלויכטן, ארומגענומען מיט שיינע וואסער-פאלן און געוואוקסן.
- דאס שפאציר פלאץ וועט זיין געבויעט אויף א ספעציעלע פלאטפארמע פון 5 פיס הויך (צו פארמיידן בערג און טאלן, וואסער פארפלייצונגען, און בעלי חיים).
- די וועגן וועלן זיין ארומגענומען מיט א צוים פון ביידע זייטן.
- בענק וועלן זיין אינסטאלירט, כדי זיך צו קענען אפרוען, אונטער די פרישע לופט.
- די לעיקס וועלן כסדר ווערן גערייניגט, ס'זאל זיין שיין און זויבער.




### שנות חיי"ם

# "צום געזונט" אפטיילונג

## א ספעציעלע אפטיילונג צו קענען מאכן איבונגען, על טהרת הקודש אויף אן אויסגעהאלטענעם אופן

- אויסגעשטאטעט מיט אלע עקוויפמענט.
- ריהעביליטעישאן רומס.
- אינסטראקטער קלאסן.
- באזונדערע שעה'ן פאר מענער און פרויען.
- באזונדערע לאבי און לאקער-רומס פאר מענער און פרויען.
- עקסטערע געביידע פאר "אינדאר סווימינג פול".
- ספעציעלע דיסקאונטס פאר חודש'ליכע מעמבערשיפ.



### מחנה חיי"ם

# "זומער קלאסן" אפטיילונג

**זומער קלאסן און שיעור שטיבלעך פאר קינדער, צו קענען פארברענגען אין א קעמפ אטמאספערע במשך דעם גאנצן טאג, מיט שיעורים און אקטיוויטעטן.**

- וועט קענען ארויסגעדינגען ווערן (אויף א טאג, וואך, 2 וואכן וכדומה) דורך מוסדות, גרופעס, קעמפס, דעי-קעמפס וכדומה, אלס אן אלטערנאטיווע 'טאג קעמפ' אנשטאט א פולע זומער קעמפ.
- שיינע הערליכע קלאסן געאייגנט צו לערנען, דאווענען, שפילן, עסן, און אזוי ווייטער.
- די קינדער וועלן אין די זעלבע צייט ווערן באגלייט מיט אנדערע סערוויסעס פונעם קור-ארט, צב"ש קינדער פארק, שווימען וכדומה.
- ווי אויך א הערליכע שפיל הויז פאר Indoor אקטיוויטעטן.

## מקור חיי"ם

# געשעפטן אפטיילונג




**עטליכע קלענערע געשעפטן ווערט שטיין צום פארפיגן פאר די באזוכער וואס קומען פארברענגען אינעם קור-ארט.**

- אינפארמאציע צענטער און אדמיניסטראציע אפיסעס.
- קענטין.
- מילכיגע און פארעווע Take-Out.
- אייז-קרים געשעפט.
- גיפט שאפ פאר מתנות און אנדענקען וכו'.
- שפילצייג געשעפט.

# אחרי ככלות הכל

דורכגייענדיג די לעבעדיגע בילדער פון אלע אפטיילונגען אין דעם 'רוח החיים' קור ארט, הייבט אן דער מח צו טראכטן: נו! ווען וועט דאס שוין זיין א רעאליטעט?... אבער ווי פארשטענדליך, דויערט צעביסלעך אהערצושטעלן אזא ברייטפארצווייגטע קאמפלעקס, און מיר שפאנען ב"ה שטאפלווייז.

די בוי ארבעט אויף די ערשטע פאזע (וואס נעמט אריין די 'קינדער-פארק' אפטיילונג) גייט שוין ב"ה אן מיט'ן פולן טעמפא, און מיר האפן אז אין דער נישט ווייטער צוקונפט, וועט איר - און אייער משפחה - קענען ביסלעכווייז אנהייבן נהנה צו זיין פון דעם 'רוח החיים' קור ארט.

זעלבספארשטענדליך, אז מיר האבן דא פרעזענטירט בלויז א דורכשניטליכע 'בלו פרינט' פון דעם קור ארט און אלע אירע אפטיילונגען. געוויסע חלקים און איינצלהייטן פון די פראיעקטן דארפן נאך ווערן ענדגילטיג אויסגעארבעט, אז ס'זאל טאקע זיין אהערגעשטעלט אויפ'ן העכסטן סטאנדארט. מיר זענען גרייט צו הערן קאמענטארן אדער פארשלאגן, וואס קענען בעז"ה פארבעסערן און פארשענערן דעם קור ארט, צו אלעמענס צופרידנהייט.

וחפץ ה' בידינו יצליח, אז מיר זאלן טאקע קענען אהערשטעלן די אלע ברייטפארצווייגטע און קאסטבארע אונטערנעמונגען לטובת הציבור, מיט סייעתא דשמיא!

**בכבוד רב**

**ועד 'רוח החיים' שע"י הנהלת הקריה**

